# כ-כ"ד טבת*

א. כ' טבת — דער יום ההילולא פון רמב"ם[1], און כ"ד טבת, דער יום ההילולא פון דעם אַלטן רבי'ן[2], פאַלן אויס בכמה שנים (ווי בקביעות שנה זו) אין דער זעלבער וואָך און — פון פרשת וארא.

און ע"פ הידוע וואָס דער אַלטער רבי (דער בעל ההילולא) בעצמו איז מבאר, אַז ביום ההסתלקות (פון אַ צדיק) ווערן נכלל און זיינען עולה למעלה „כל מעשיו ותורתו ועבודתו אשר עבד בה כל ימי חייו"[3] און דאָס איז „מתגלה ומאיר בבחי' גילוי מלמעלה למטה"[4] — און אַזוי ווי דאָס איז בשעת ההסתלקות, עד"ז איז עס אויך אין דעם טאָג פון יאָרצייט יעדן יאָר — ווי פאַרשטאַנדיק אויך פון מנהגי יאָרצייט יעדן יאָר, וועלכע זיינען דאָך פאַרבונדן מיט דער הסתלקות —

איז מובן (לפי הידוע[5] אַז אַלע ענינים ומאורעות פון דער וואָך זיינען מרומז אין דער פרשה פון דער וואָך), אַז דער תוכן פון „מעשיו ותורתו ועבודתו" סיי פון רמב"ם און סיי פון דעם אַלטן רבי'ן זיינען מרומז בפרשה זו — „וארא"[6].

ב. אין דעם ענין פון „מעשיו ותורתו ועבודתו" געפינט מען נקודות משותפות בּאַ דעם רמב"ם מיטן אַלטן רבי'ן[7].

כידוע פון דברי ימי ישראל וועגן דער גרויסער השתדלות און עסקנות פון רמב"ם לטובת ישראל, אין אַן אופן פון מסירת נפש אויף אויפצוהייבן מצבם של ישראל סיי בגשמיות, און סיי ברוחניות[8] — צו מקרב זיין אידן לה' ולתורתו[9] און ווי ער שרייבט אין איינע

---

*) ושייכותם לפ' וארא — ראה לקמן סעיף ה (ואילך).

1) כ"ה בשם הגדולים להחיד"א (מערכת גדולים ערך רמב"ם בסופו) ובתולדות הרמב"ם (שנדפסו בשו"ת ברכת אברהם לר"א בן הרמב"ם) — מכת"י ר' דוד הנגיד נכד הרמב"ם (וכ"ה בסדר הדורות ד"א תתקכז). נוסח המצבה (שהוקמה לפני כששים שָנה לערך) ועוד.

בס' צמח דוד (חלק ראשון — תתקסד לאלף החמישי) כתב שנפטר ביום כד טבת, אבל מפרש מקורו „ככתוב בספר מאור עינים פרק כ"ה". ובמאור עינים שם „כ' טבת" (וכן בסדר הדורות שצוין לעיל — מביא מס' מאור עינים פכ"ה התאריך כ' טבת). ויתירה מזו: המאור עינים גופא כותב זה ע"פ כת"י ר' דוד הנגיד שבסוף מס' ר"ה, שהוא הוא שהובא בשם הגדולים להחיד"א ובתולדות הרמב"ם שנדפסו בשו"ת ברכת אברהם (שצויינו לעיל).

שמכל זה נראה דמ"ש לפנינו בצמח דוד „כ"ד טבת" הוא טעות המעתיק.

2) וההסתלקות (בשנת תקע"ג) היתה ג"כ באור ליום א' פ' וארא. אבל לשון הצ"צ הוא (נדפס ב„מענה לשון" ובסוף ס' פסקי דינים להצ"צ (קה"ת תשל"ב) תמב, א. ובהוצאת תשנ"ב — תיא, ב) שהיתה במוצש"ק פ' שמות — ראה לקו"ש חט"ז ע' 33 ואילך ובהערות שם.

3) אגה"ק סי' זך (קמז, א־ב).

4) שם סי' כח (קמח, א). וראה גם סי' זך (שם, ב).

5) ראה של"ה חלק תושב"כ ר"פ וישב. וראה לקו"ש חט"ז ע' 33 ובהערות שם.

6) וראה בארוכה לקו"ש ח"ו ע' 35 ואילך השייכות של הילולא דאדה"ז לפ' וארא. ועד"ז בלקו"ש חט"ז ע' 56. חכ"א ע' 52 ואילך. לקמן ע' 40 ואילך.

7) להעיר גם ממכתב אדה"ז (אגרות קודש שלו — קה"ת תש"מ — סו"ס לד) שהשוה המחלוקת בימיו על תורת החסידות להמחלוקת על הרמב"ם. ולהעיר שמסיים שם „אך כאשר חלפו ועברו ימים רבים כו' וידעו כל ישראל כי משה ותורתו אמת וכו' וכה יהי' לנו במהרה בימינו אמן".

8) ובפרט באה בהדגשה באגרותיו — אגרת תימן ואגרת השמד.

9) ראה גם שם הגדולים שבהערה 1 (ד"ה ראיתי בתשובות) ובספרי דברי ימי הרמב"ם.



פון זיינע תשובות[10] אַז ווען ער איז געקומען אין מצרים „מצאנו נגע עון גדול אשר פשט ברוב הציבור בעונו־תינו והוא כי . . שכחו דיני תורתנו והקילו מאוד כו'", און ער האָט (אַנגע־הויבן די ענינים מתקן זיין און זיי) מתקן געווען.

ועד"ז איז געווען בּאַ דעם אַלטן רבי'ן, וואָס זייענדיק נאָך אַ צעיר בימים האָט ער אַרויסגעהאָלפן אידן (ובפרט מיטן געלט וואָס ער האָט בּאַקומען אלס נדן — קודם שעסק בעניני פרנסתו) פשוט בגשמיות[11], און אַזוי אויך לרומם קרן ישראל ברוחניות, כמפורסם בדברי ימי חייו, וועגן די אַלע תקנות וואָס ער האָט מתקן געווען[12], און זיין עבודה בעשיית בעלי תשובה[13], ועוד.

עד"ז איז אויך בנוגע תורתן של הרמב"ם ואדמו"ר הזקן: ביידע האָבן באַלויכטן די וועלט סיי אין תורת הנגלה, ביז צו הלכות פסוקות; ועד"ז בנוגע „הנסתרות לה' אלקינו"[14], אין ידיעת ועבודת ה':

ביי דעם רמב"ם — בתורת הנגלה, אין ספרו יד החזקה, משנה תורה, וואָס איז „מקבץ לכל תורה שבעל פה כולה"[15], ווי ער איז דאָס מבאר באריכה בהקדמתו לספרו משנה תורה; און אין תורת הנסתר[16] (אויף וויפל דער ענין פון מעשה מרכבה און מעשה בראשית[17] האָט געקענט אַראָפּקומען בגילוי בזמן הרמב"ם[18]) — אין די ערשטע פרקים פון ספרו משנה תורה און באריכות גדולה בספרו מורה הנבוכים[19].

און ביי דעם אַלטן רבי'ן: תורת הנגלה — שולחן ערוך שלו[20]; און תורת הנסתר — בספר התניא, וואָס איז די תורה שבכתב[21] פון תורת החסידות — וברִיבּוי המאמרים פאַר דעם תניא ולאחריו.

---

10) תשובות הרמב"ם לפסיא ח"א סקמ"ט.

11) ראה בפרטיות בספר התולדות אדה"ז (קה"ת תשכ"ז וכמ"פ לאח"ז) פ"א, ספ"ב ופ"ט (בהוצאת תשמ"ו: ח"א פ"ג, פז. ח"ב פ"כ). ושי"נ.

12) ראה ספר התולדות שם פ"ט (פ"כ).

13) ראה לקוטי דבורים ח"ד תשנה, א־ב. תשנו, ב.

14) נצבים ל, כח. וראה הקדמה לתניא (ד, רע"א). שם רפמ"ד. ועוד.

15) משא"כ בפיה"מ שלו, ספר המצות, תשובותיו וכו' (נוסף לזה שספר המצות הוא הקדמה לספר היד).

16) וכמו שכתב הרמב"ם בפתיחת המו"נ, שמה שמבאר בספרו הם דברים נסתרים. וראה לשונו במאמר תחיית המתים ספ"ב „שדברי תורה יש להם נגלה ונסתר ולזה יקראו הנסתר סתרי תורה". ושם, שזהו מה שביאר במו"נ.

17) ראה בארוכה בפתיחת הרמב"ם לספרו מו"נ.

18) להעיר מספר השיחות תש"א ע' 154 אופן השתלשלות הקבלה ותורת הנסתר. ושם, דהרמב"ם מתחיל ספרו בר"ת דשם בן ארבע ובפי' הראב"ע לעתים קרובות גנוזות „קבלה פשטים" והרמב"ן והבחיי כותבים בפירושיהם ע"ד הקבלה. וראה גם ספר השיחות קיץ ה'ש"ת ע' 41 (ס"י).

19) כן הוא בפתיחת הרמב"ם למו"נ קרוב לתחלתה (בהעתקות שלפנינו) „ולזה נקרא המאמר הזה מורה הנבוכים". וכ"ה בהוצאת קאפח. ועוד. וכן נקרא בכמה ראשונים. — אבל בכ"מ רגיל הר"ת „מו"נ".

20) והלכות ת"ת נדפסו לכל לראש (שקלאוו תקנ"ד), וכן הלכות (לוח) ברה"נ (תקנ"ה — אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ כרך יו"ד ע' קיז) [וגם התחיל כתיבת השו"ע לפני כתיבת התניא — ראה הקדמת הרבנים בני הגאון המחבר ז"ל לשו"ע אדה"ז]

כמו ברמב"ם שספר ההלכות שלו — ספר היד, כתבו ונתפרסם לפני ספרו מו"נ.

21) מכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר בס' קיצורים והערות לתניא (ע' קיח ואילך). אגרות קודש אדמו"ר הריי"צ (ח"ד ע' רסא ואילך). וראה לקו"ש ח"כ (ס"ע 183 ואילך) שזהו תורה שבכתב לא רק לתורת חסידות חב"ד אלא גם לתורת החסידות הכללית, של הבעש"ט וההמ"ש שלפני אדה"ז (שהרי הם בעצמם — לא כתבו ספריהם). ועי"ד ספר היד (והמורה)

און בשניהם ווערן ביידע ענינים אויך אויסגעדריקט אין זייערע שמות (וואס „שמו אשר יקראו לו" ווייזט, כידוע, אויף דעם מהות האדם[22]). און ווי באַוואוסט[23] וועגן דעם נאָמען פון דעם אלטן רבי'ן, אז „שניאור" (דער ערשטער נאָמען זיינער) באַשטייט פון צוויי ווערטער „שני אור" (צוויי אורות)[24], וואס דאָס מיינט, ווי דער בעש"ט האָט געזאָגט[25], אז דער אַלטער רבי וועט באַלייכטן די וועלט מיט די צוויי ליכטיקייטן פון תורת הנגלה און תורת הנסתר;

ועד"ז בנוגע לשמו של הרמב"ם — משה, וואס „תורה צוה לנו משה"[26] (גאַנץ תורה, סיי גליא און סיי נסתר), וכפתגם הידוע וועגן דעם רמב"ם: ממשה עד משה לא קם כמשה[27].

ועוד זאת להעיר: ס'איז מנהג ישראל אַז בשעת מ'שרייבט שמו של הרמב"ם בר"ת איז דער ערשטער מ"ם אַ מ"ם פתוחה און דער צווייטער — אַ מ"ם סתומה[28]. און ס'איז ידוע מאמר רז"ל[29], אַז מ"ם פתוחה ומ"ם סתומה זיינען מרמז אויף „מאמר פתוח מאמר סתום", גליא דתורה און נסתר דתורה.

ג. דער צד השווה פון ספרי הרמב"ם און דעם אלטן רבי'ן (הנ"ל) איז בולט בכמה וכמה פרטים:

א) בסיבת ומטרת חיבורם: בשייכות לספר היד איז דער רמב"ם מאריך בהקדמתו[30] ווי בזמנו „תקפו הצרות יתירות ודחקה השעה את הכל ואבדה חכמת כו' לפיכך אותם הפירושים כו' נתקשו בימינו ואין מבין עניניהם כראוי .. ואין צריך לומר הגמרא עצמה כו' שהם צריכין דעת רחבה כו' וזמן ארוך כו' ומפני זה נערתי .. וראיתי לחבר דברים המתבררים מכל אלו החיבורים כו' כולם בלשון ברורה ודרך קצרה עד שתהא תורה שבעל פה כולה סדורה בפי הכל בלא קושיא ולא פירוק. לא זה אומר בכה וזה בכה. אלא דברים ברורים קרובים נכונים כו' הלכות הלכות".

עד"ז בנוגע דעם חיבור השו"ע פון דעם אלטן רבי'ן, שרייבן די „רבנים בני הגאון המחבר ז"ל" אין זייער הקדמה צום שו"ע: „ומפני שצרכי ישראל מרובים ובפרט בצוק העתים הללו כו' וע"כ דעתם קצרה לבוא בארוכה[31] בעיון ים התלמוד והפוסקים לידע כו' וגם לגדולים אשר להם יד ושם בתלמוד תכבד עליהם העבודה להכריע בין הפוסקים לאסוקי שמעתתא אליבא

---

להרמב"ם, שבא בכתב כל התושבע"פ כולה שלפני הרמב"ם, וכפי שהאריך בהקדמתו כנ"ל. וראה לקמן סעיף ו.

22) שלכן ר' מאיר הוה דייק בשמא (יומא פג, א). וראה לקו"ש ח"ו ס"ע 35 ואילך. ושי"נ.

23) ראה בארוכה לקוטי לוי"צ — אגרות ע' ריח ואילך.

24) ראה ישי"ש גיטין פ"ד סכ"ז. וראה (ובהבא לקמן) לקו"ש ח"ו ע' 37 ואילך. ושי"נ.

25) לקו"ד ח"א פג, רע"א. וראה גם בהנסמן בלקו"ש ח"ו שם.

26) ברכה לג, ד.

27) ראה שם הגדולים להחיד"א ערך ר' משה גאון. ובכ"מ. נוסח המצבה הנ"ל (הערה 1): פתגם חכמי דורו עליו ממשה עד משה לא קם כמשה. וראה מכתב אדה"ז (שבהערה 7): וידעו כל ישראל כי משה ותורתו אמת.

28) אף שבר"ת אין הכרח שהאות האחרונה תהי' אות סופית, ולא עוד אלא שבכ"מ מצינו שנכתב „הר"מ ז"ל". ולהעיר גם שבכ"מ בראשונים גם המ' השני' היא מ"ם פתוחה.

29) שבת קד, א ובפרש"י. וראה של"ה בית גדול בסופו (לז, ב ואילך). ד"ה מאימתי תרמ"ב (קה"ת, תשכ"ה). ובכ"מ.

30) קרוב לסופו.

31) כ"ה בדפוסים הראשונים דהשו"ע. ובהוצאות האחרונות: בערוכה (בעי"ן). ולכאו' ט"ס הוא.



דהלכתא .. כי ברוב המקומות יש דיעות מחולקות זה מקשה וזה מפרק כו' אשר על כן כו' משמיא אסכימו .. למצוא איש אשר רוח אלקים בו להבין ולהורות הלכה ברורה מתון ומסיק אליבא דהלכתא הלכות בטעמיהן .. בלשון צח .. להוציא לאור תמצית ופנימית טעמי הלכות הנזכרים בכל דברי הראשונים והאחרונים זקוקים שבעתיים כל דבור על אופניו בלי בילבול ותערובות ופסק ההלכה המתברר ויוצא מדברי כל הפוסקים עד חכמי זמנינו".

[און ווי גערעדט כמה פעמים, אַז כאָטש דער סדר פון דעם אַלטן רבי'נס שו"ע איז ניט לויטן סדר פון ספר היד נאָר לויטן סדר פון שו"ע המחבר, איז אָבער סגנונו ולשונו קרוב צום לשון הרמב"ם[32]].

ב) אויך אין התחלת ספרים הנ"ל, איז כשם ווי דער רמב"ם הויבט אָן זיין ספר מיט די ווערטער „יסוד היסודות ועמוד החכמות", וואס זייערע ראשי תיבות איז הוי'[33] — כידוע[34] דברי נכדו ר' דוד הנגיד „כי משנה תורה שחבר זקנו הרמב"ם מתחיל בשם המפורש"[35] — עד"ז פאַנגט זיך אָן שו"ע אדמו"ר הזקן (במהדורא תניינא[36]) מיט „יהודה בן תימא אומר", וואס מהטעמים שיש לומר בזה איז[37], ווייל שם יהודה איז „כולו על שמו של הקב"ה"[38] — ס'איז דאָ אין אים דער גאַנצער שם הוי'.

ג) אַזוי אויך בנוגע תוכן התחלת הספרים: ברמב"ם — „לידע שיש שם מצוי ראשון והוא ממציא כל נמצא וכל הנמצאים משמים וארץ ומה שביניהם לא נמצאו אלא מאמתת המצאו".

ועד"ז איז דער תוכן פון די ערשטע סעיפים אין דעם אַלטן רבי'נס שו"ע: (ע"ד פון „יסוד היסודות כו' לידע שיש שם מצוי ראשון" —) „כלל[39] גדול בתורה .. כמ"ש[40] שויתי ה' לנגדי תמיד" (ווי דער אַלטער רבי איז אין דעם מאריך[41]) „הוי עז כנמר וקל כנשר רץ כצבי וגבור כארי לעשות רצון אביך שבשמים"[42], וואס, ווי גערעדט אַמאָל בארוכה[43], איז דאָס וואָס מען לערנט אָפּ די מדות (עז .. קל .. רץ .. גבור) פון בע"ח דוקא קומט מדגיש זיין, ווי די גאַנצע מציאות פון אַ נמר נשר צבי וארי (ועד"ז אַלע ענינים שבהבריאה) איז („אמיתת המצאו", ובמילא) בשביל ישראל ובשביל התורה[44], אַז ישראל ע"פ ועי' התורה זאָלן זיי נוצן כדי „לעשות רצון אביך שבשמים".

---

32) וראה ספר השיחות קיץ הש"ת ע' 111 מה ששאלו את אדמו"ר הצ"צ: זקניכם הגאון הנה בכל מקום וענין הוא מביא את לשון הרמב"ם וברוב הסוגיות ופסקי הלכות הוא הולך בשיטותיו ומפני מה כו'.

33) הביאור בזה — ראה בארוכה „הדרן" על ספר משנה תורה להרמב"ם (קה"ת, תשמ"ה) ס"ז ואילך.

34) סדר הדורות שבהערה 1. שם הגדולים להחיד"א שבהערה הנ"ל.

35) וראה גם „פירוש" לרמב"ם ריש הל' יסוה"ת „כוונתו היתה לזכור השם המפורש ברמז בתחלת חבור זה".

36) בנוגע למהדו"ק — ראה לקמן הערה 41.

37) כ"ה גם התחלת הטור. אבל בטור — דרכו להביא מרז"ל בשם אומרם: אבל אין זה דרכו של אדה"ז בשולחנו.

38) סוטה י, ב. לו, ב.

39) ל' אדה"ז במהד"ת ריש סעיף ה. וראה הערה 41.

40) תהלים טז, ח.

41) ראה מהד"ת שם ס"ד ואילך. ובמהד"ק בא תוכן ענין זה תיכף בסעיף א (ואילך) שם. ולהעיר שמקור הדברים הוא במו"נ (ח"ג פנ"ב).

42) מהד"ת בתחלתו.

43) ראה לקו"ש חכ"א ע' 283 ואילך.

44) פרש"י ר"פ בראשית (ד"ה בראשית הב').

ד. ע״ד ווי עס איז פאַראַן דער צד השווה אין די ספרי נגלה פון רמב״ם און אַלטן רבי׳ן, אַזוי אויך בנוגע זייערע ספרים וואָס זיינען פאַרבונדן מיט „הנסתרות לה׳ אלקינו״:

א) „ארבעה פרקים אלו״ — די ערשטע פון ספרו היד[45] — וּבארוכה תוכן הספר מו״נ, איז ניט נאָר אויף מוסיף זיין ידיעות אין אלקות וכיו״ב, נאָר ענינם (ובפרט דהספר מו״נ — כשמו של הספר) — איז „מורה הנבו־כים", אויף אריינגעבן אַ קלאָרקייט און ליכטיקייט אין די וועלכע זיינען נבוכים אין דיעות[46]; ומעין זה איז בנוגע צו ספר התניא, אַז אפילו איינער וואָס „שכלו ודעתו מבולבלים ובחשיכה יתהלכו בעבודת ה׳" (און דערפאַר קען ער ניט אָפּלערנען אַ דרך אין עבודת ה׳ פון אַנ־דערע ספרים)[47], ווערט אים ליכטיק דורך דעם ספר התניא, און ווי דער אַלטער רבי שרייבט אין דער הקדמה[48], „וכולם הן תשובות על שאלות רבות אשר שואלין בעצה כו׳ בהן ימצא מרגוע לנפשו ועצה נכונה לכל דבר הקשה עליו בעבודת ה׳".

ב) להעיר ולהוסיף[49]: עד״ז איז אויך בנוגע די פסוקים וועלכע דער רמב״ם ברענגט בתחלת ספרו בספר המדע: משוך חסדך ליודעיך וצדקתך לישרי לב[50] און בספרו מו״נ[51]: „הודיעני דרך זו אלך כי אליך נשאתי נפשי"[52], „אליכם אישים אקרא וקולי אל בני אדם"[53], „הט אזנך ושמע דברי חכמים ולבך תשית לדעתי"[54] — איז כעין ודוגמת ענינם פאַראַן אין תחלת ספר התניא:

אין שער־בלאַט שרייבט דער אַלטער רבי[55]: „לבאר היטב איך הוא קרוב מאד בדרך ארוכה וקצרה" — בדוגמת התוכן פון „משוך חסדך" און פון „הודיעני דרך זו אלך" פון תורה ומצות; די הקדמה פאַנגט ער אָן מיטן פסוק „אליכם אישים אקרא" (דער צווייטער פסוק שבמו״נ); און דערנאָך איז ער ממשיך (מיטן פסוק[56]) „שמעו אלי רודפי צדק מבקשי ה׳" — כעין הענין פון דריטן פסוק שבמו״נ: „הט אזנך ושמע דברי חכמים ולבך תשית לדעתי"[57].

ה. ע״פ כל זה יש להסביר די שייכות פון די צוויי ימי ההילולא פון רמב״ם און אַלטן רבי׳ן — כ׳ און כ״ד טבת — צו פרשת וארא:

45) רמב״ם הל׳ יסוה״ת פ״ד הי״ג. ולהעיר ששם (הי״) מבאר שב׳ פרקים הראשונים הם מעשה מרכבה וב׳ פרקים שלאח״ז — מעשה בראשית (עיי״ש) ע״ד החילוק דארבע אותיות דשם הוי׳.

46) ראה בארוכה בפתיחת הרמב״ם לספר מו״נ. וראה גם באגרת הרמב״ם להתלמיד ר׳ יוסף שלפני הפתיחה למו״נ.

47) הקדמת אדה״ז לספר התניא (ג, ב) לגבי קריאה בספרים. ע״ש.

48) ד, א.

49) כן להעיר דספר התניא כפי שנדפס ע״י אדה״ז בעצמו — היו בו ג׳ חלקים כבמו״נ.

50) תהלים לו, יא.

51) לפני הפתיחה.

52) תהלים קמג, ח.

53) משלי ח, ד.

54) משלי כב, יז.

55) כי תיבות אלו דהשער הם דאדה״ז — כן שמעתי מכ״ק מו״ח אדמו״ר. וראה ס׳ השיחות ה׳ש״ת ע׳ 114.

56) ישעי׳ נא, א.

57) וב׳ הפרטים שבפסוק זה „הט אזנך ושמע דברי חכמים (היינו דברי חכמים שלפני הרמב״ם שמביאם בספרו) ולבך תשית לדעתי" (של הרמב״ם) — יש דוגמת זה בלשון אדה״ז: שמעו אלי — „ולבך תשית לדעתי", ומה שממשיך בההקדמה שהספר מלוקט „מפי ספרים כו׳ וקצת מהם . . באגרות הקודש מרבותינו שבאה״ק כו׳" — „ושמע דברי חכמים". וראה מפרשי המורה שם בפירוש הפסוקים.



אידן זיינען אין מצרים געווען אין מצב פון גלות פון „דעת שמי הוי׳"[58], מצב פון „נבוכים", ובחושך יתהלכו; און ווי דער רמב״ם שרייבט בספרו[59] „עד שארכו הימים לישראל במצרים וחזרו ללמוד מעשיהן כו׳ וכמעט קט הי׳ העיקר ששתל אברהם נעקר וחוזרין בני יעקב לטעות העולם ותעיותן". און דער אויבערשטער האָט געשיקט משה׳ן[60], „אמור לבני ישראל אני ה׳ והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים גו׳ וידעתם כי אני ה׳ אלקיכם גו׳".

וואָס די „סבלות מצרים", פון וועלכע די אידן האָבן געליטן, זיינען געווען ניט נאָר בגשמיות, נאָר אויך (ובעיקר) ברוחניות — און דער אויבערשטער האָט געשיקט משה רבינו זיי אויסצו־לייזן פון אָט די „סבלות".

ווי אַזוי זיינען אידן צוגעקומען צו דער גאולה רוחנית, וויבאַלד אַז „לא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה"[61]? — איז דאָס אויך מרומז אין שם הסדרה — „וארא", וואָס בפשטות מיינט עס אַז ס׳איז געווען אַ התגלות אלקות באופן דראי׳, ביז אַז עס זאָל זיין „נודעתי כו׳ במדת אמיתית שלי"[62].

און דאָס איז אויך די כוונה פון פשטות הכתובים וואָס דער אויבער־שטער האָט געזאָגט משה׳ן[63], אַז צו די אבות האָט ער זיך באַוויזן „בא־ל שד־י ושמי הוי׳ לא נודעתי להם", און צו אים,

בכדי אַרויסצונעמען אידן פון מצרים, איז געווען דער גילוי פון „אני הוי׳", העכער פון „א־ל שד־י".

דעריבער, כאָטש אַז מצד מדריגתם בשעת הדיבור הזה למשה — זיינען די אידן נאָך געווען בגלות (הדעת) במצרים, אָבער מצד דער התגלות פון „אני הוי׳" במדת אמיתית שלי[64], האָט דער גילוי גע׳פועל׳ט און באַלויכטן די אידן אויך ווי זיי געפינען זיך תחת סבלות מצרים און זיי זיינען פון דאָרט אויסגעלייזט געוואָרן.

ו. ויש לומר אַז עד״ז איז אויך בנוגע די ספרים פון דעם רמב״ם און דעם אַלטן רבי׳ן, אַז זיי זיינען אין אַן אופן פון „וארא", אַ התגלות מיוחדה.

דער אויפטו אין תורתו של הרמב״ם און אדמו״ר הזקן הנ״ל איז (ניט נאָר וואָס זיי זיינען געשריבן דורך זיי עצמם און ניט דורך תלמידיהם, נאָר) אין דעם וואָס די ענינים וועלכע זיינען בבחי׳ תורה שבע״פ זיינען דורך זיי אַראָפּגע־קומען אין אַן אופן פון „(תורה שב)כתב" — קרוב מוכן ומזומן לכאו״א:

איידער דער רמב״ם האָט געשריבן ספרו משנה תורה, זיינען רוב ענינים פון תורה שבע״פ (אויך חיבורים ופירושים פון זמן הגמרא ביזן זמן הרמב״ם) געבליבן ביי רוב מענטשן באופן פון תורה שבע״פ — צוליב דעם ריבוי הדיעות ומחלוקות, קושיא ופירוק זה אומר כה וזה אומר כה, איז דאָס ניט געווען מוכן וגלוי פאַר אַלעמען ווי דער רמב״ם איז מאריך בהקדמתו[65]. משא״כ

58) לקו״א להה״מ סי׳ וא״ו: „במצרים הי׳ גלות הדעת". וראה או״ת פרשתנו סע״ד (כז, ג).

59) ספ״א מהל׳ ע״ז.

60) פרשתנו ו, ו־ז.

61) פרשתנו שם, ט.

62) פרש״י פרשתנו ו, ג.

63) פרשתנו שם, ב־ג (ובפרש״י).

64) ראה תו״א פרשתנו (נו, א־ג). אוה״ת שם (ע׳ קכז. קלב. קמד ואילך). ועוד.

65) והיינו נוסף על העיקר ד„אותם הפירושים וההלכות והתשובות שחברו הגאונים כו׳ נתקשו

אין חיבור הרמב"ם זיינען דאָס „דברים המתבררים מכל אלו החיבורים כו' כולם בלשון ברורה ודרך קצרה" באופן אַז ס'איז געוואָרן „תורה שבעל פה כולה סדורה בפי הכל" און „כל הדינין גלויין לקטן ולגדול בדין כל מצוה ומצוה ובדין כל הדברים שתיקנו חכמים ונביאים", ביז אַז מ'דאַרף ניט אָנקומען „לחבור אחר בעולם בדין מדיני ישראל", וואָס דערפאַר האָט ער אָנגערופן ספרו „משנה תורה" — „לפי שאדם קורא בתושב"כ תחלה ואח"כ קורא בזה ויודע ממנו תורה שבעל פה כולה"[66].

— דעמאָלט איז תורה שבעל פה כולה, וואָס איז געווען אָנטפּלעקט פריער נאָר צו „מעט במספר"[67], געוואָרן פאַר יעדן איינעם ע"ד ווי תורה שבכתב.

ד. ה. אע"פ אַז מימי רבי האָט מען פאַרשריבן תושבע"פ, ווייל מצד „עת לעשות לה' הפרו תורתך"[68] איז אַראָפּ די הגבלה[69] פון „דברים שבע"פ אי אתה רשאי לאומרן בכתב", אעפ"כ, מצד ירידת הדורות נאָך דעם זמן פון רבי, זיינען אויך פאַרשריבענע ענינים געבליבן ע"ד און אין אופן פון תושבע"פ — ניט ידוע וגלוי פאַר יעדן איינעם „שילמדוהו במהרה ולא ישכח"[70].

וכשם ווי דאָס איז בנוגע דעם רמב"ם, עד"ז ומעין זה איז בשייכות צו שו"ע אדה"ז (לגבי ההלכות והפוסקים שלפניו ביז דעם רמב"ם), כנ"ל (סעיף ג) בלשון הקדמת הרבנים בני הגאון המחבר ז"ל, אַז בשו"ע אדה"ז זיינען „דברי הפוסקים עד חכמי זמנינו" (פון אַלטן רבי'ן) געקומען ב„הלכה ברורה . . הלכות בטעמיהן".

נאָכמער איז דאָס פאַרשטאַנדיק לגבי תורת הנסתר שלהם, ווי דער רמב"ם עצמו שרייבט בספרו[71] וועגן „להשיג הדברים על בוריין" און וועגן „לטייל בפרדס", ובארוכה אין דער פתיחה צו מו"נ[72]: היותי מתירא הרבה מאוד לחבר הדברים אשר ארצה לחברם בזה המאמר מפני שהם ענינים נסתרים לא חבר בהם כלל ספר זולתי זה באומתנו בזמן הגלות הזה, אבל נשענתי על שתי הקדמות האחת מהם אמרם בכמו זה הענין עת

---

בימינו ואין מבין עניניהם כראוי אלא מעט במספר. ואין צריך לומר הגמרא עצמה הבבלית והירושלמית כו' שהם צריכין דעת רחבה ונפש חכמה וזמן ארוך ואח"כ יודע מהם כו'" (רמב"ם בהקדמתו לספר היד — נעתק לעיל ר"ס ג).

66) רמב"ם בהקדמתו שם.

67) ל' הרמב"ם שם לגבי ההבנה בחבורי הגאונים (כנ"ל הערה 65), ומובן ברמב"ם דבנוגע להגמרא כו' והתוספתא, בזה אין גם „מעט במספר" שיודעין „הדרך הנכוחה* כו'".

68) תהלים קיט, קכו.

69) גיטין ס, א־ב. תמורה יד, ב. ולהעיר שהרמב"ם בהקדמתו לספר היד לא הביא לא האיסור ולא ההיתר משום עת לעשות לה', כ"א תוכנם „ולמה עשה רבינו הקדוש כך ולא הניח הדבר כמות שהי' לפי שראה שתלמידים מתמעטין כו'". אבל בפתיחתו למו"נ הביא הענין, כדלקמן בפנים.

70) לשון הרמב"ם בהקדמתו שם בהטעם שחיבר רבינו הקדוש מהכל „חיבור אחד (משנה) להיות ביד כולם כדי שילמדוהו במהרה כו'". וראה ירושלמי ברכות פ"ה ה"א: הלומד . . מתוך הספר לא במהרה הוא משכח.

71) הל' יסוה"ת ספ"ד. וראה לקמן הערה 77.

72) ב„צוואת זה המאמר" בסופו. — הלשון שבפנים (וכן להלן בהשיחה בפנים ובהערות) נעתק ממו"נ שלפנינו הנדפס עם המפרשים (שם טוב, אפודי כו') — ווארשא תרל"ב וצילום ממנו —. ובתרגום קאפח הוא בכמה שינויים.

---

*) כ"ה בדפוסי רמב"ם שלפנינו. וי"ג „הנכונה" (ראה ספר המדע — ירושלים תשכ"ד — בשינויי נוסחאות).



לעשות לה' הפרו תורתך (והשנית אמרם וכל[73] מעשיך יהיו לשם שמים)" — און ער האָט מגלה געווען בספרו זה אויך די ענינים נסתרים וועלכע זיינען פריער געווען באופן פון (תורה ש)בע"פ, פאַר יחידי סגולה.

ועאכו"כ בנוגע דעם ספר התניא פון אַלטן רבי'ן

— ולהעיר אַז דער (גאַנצער) ספר מורה הנבוכים איז ניט פאַר אַלעמען[74], און דער רמב"ם האָט בספרו זה עצמו געשריבן כמה ענינים ברמז[75]. משא"כ דער ספר התניא איז אַ ספר המתאים פאַר יעדן איינעם (וכדלקמן סעיף יב ואילך בארוכה) —

אַז די ענינים עמוקים פון פנימיות התורה (תורת הקבלה והחסידות) זיינען אַראָפּגעקומען אין תניא באופן פון הלכה פסוקה און ביז — „לעשותו"; און דער ספר התניא איז געוואָרן דער „תורה שבכתב" פון תורת החסידות: ס'איז נתגלה געוואָרן ובהבנה והשגה, אַז יעדער איינער זאָל עס קענען נעמען בשכלו, און ס'זאָל פון דעם אַרויסקומען בלבו ביז עס ווערט „קרוב[76] אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו".

ז. דער חידוש בפרשתנו איז נוסף ע"ז אַז עס איז געקומען אַ העכערער גילוי — „אני הוי'", האָט דאָס געפּועל'ט „וידעתם כי אני ה' אלקיכם המוציא אתכם מתחת סבלות מצרים", אַז דאָס איז געוואָרן זייער „ידיעה", כאָטש אַז אידן מצ"ע זיינען נאָך געווען בגלות,

עד"ז י"ל בנוגע די ספרים אין נסתר פון רמב"ם און פון דעם אַלטן רבי'ן, אַז דאָס וואָס דורך דעם ספר היד (ד' פרקים הראשונים דס' המדע), המו"נ והתניא ווערט נתגלה דער „וידעתם כי אני הוי'", איז ניט בלויז צו די וואָס זיינען ראוי לזה מצד מדריגתם לפני זה, נאָר צו כאו"א מישראל.

ח. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים וואָס בנוגע צום מו"נ[77] געפינט מען לכאורה אַ הגבלה בנוגע לימודו (ניט ווי ספר היד, וואָס איז פאַר יעדן איינעם — „כקטן כגדול"):

וועגן מו"נ שרייבט דער רמב"ם „כוונת המאמר הזה להעיר איש בעל דת שהורגלה בנפשו ועלתה בהאמנתו אמתת תורתנו והוא שלם בדתו ובמדותיו ועיין בחכמת הפילוסופים וידע עניניהם כו'"[78]; „המאמר הזה דברי בו עם שנתפלסף . . וידע חכמות אמיתיות והוא מאמין כו'"[79]; „שיאות לאחד המעולה ולא יאות לעשרת אלפים הסכלים"[80]. און ער שרייבט כמה אזהרות ווי צו לערנען דעם ספר.

אעפ"כ, דערפון גופא וואָס דער רמב"ם האָט מפרסם געווען זיין ספר, און אין אַן אופן וואָס עס איז (בהשגחה פרטית) אָנגעקומען צו אַלע אידן, איז מוכרח צו זאָגן, אַז דאָס האָט אויך אַ שייכות צו יעדן אידן.

---

73) אבות פ"ב מי"ב (בסידור אדה"ז).

74) ראה לקמן בפנים סעיף ח.

75) ראה דבריו בפתיחה (ה, רע"א — בדפוס שבהערה 72. וכן לקמן): כי כוונתי שיהיו האמיתיות מושקפות ממנו כו' נעלמות מהמון העם כו'.

76) נצבים ל, יד.

77) ועד"ז בד' פרקים הראשונים דהרמב"ם — בנוגע לטיול בהם (ראה ל' הרמב"ם הל' יסוה"ת פ"ד הי"ג. וראה הנסמן לקמן סוף הערה 82).

78) בפתיחת ספרו קרוב לתחלתה (ד, א).

79) בפתיחת ספרו (ז, א).

80) בסוף צוואת זה המאמר (ט, סע"ב ואילך) לפני ההקדמה. וראה מכתב הרמב"ם להתלמיד ר' יוסף (שנדפס לפני הפתיחה למו"נ) בסופו: ועוררתני פרידתך לחבר המאמר הזה אשר חברתיו לך ולדומים לך ואם הם מעט כו'.

און ווי מ'זעט בנוגע כמה הלכות בספר המדע ובפרט בריש הלכות יסודי התורה, אז הרמב"ם עצמו, האט זיי אריינגעשטעלט בספרו יד החזקה, ווייל אויף לערנען הלכות התורה איז נוגע צו וויסן פריער (הל' יסודי התורה) די ידיעות: און דעריבער[81] איז ער דאס מבאר אין ספר המדע, בכדי אז די תורה וואס מ'לערנט זאל זיין ווי עס דארף צו זיין, אויף אירע יסודות[82] „ולא ישליכו ידיעת השם אחרי גום אבל ישימו השתדלותם הגדולה וזריזותם על מה שישלימם ויקרבם אצל בוראם כו'"[83] —

איז מובן אז עד"ז איז בנוגע צו כמה פרקים אין ספרו מורה הנבוכים, ובפרט די וואו עס ווערן ארומגערעדט די ענינים שבספר המדע (נאר בהוספה — מיט הוכחות כו'[81]).

און ווי מ'זעט, אז כמה ענינים אין ספרו מו"נ[84] זיינען יסודות אין ידיעת ה' און נבואה, מלאכים ופירוש המקראות כו' וואס זיינען ניט געווענדעט דוקא צו איינעם וואס „הוא שלם בדתו ובמדותיו ועיין בחכמת הפילוסופים וידע ענייניהם כו' ונשאר במבוכה ובהלה", נאר צו יעדן איינעם[85].

ובפרט אז דער ספר מו"נ איז (א ספר פון — און א חלק פון) תורה[86], וואס אויף תורה זאגט מען[87] „התורה היא נצחית", און ס'איז נוגע צו אידן לכל הדורות[88]. ביז מ'געפינט בכמה פוסקים אז מ'לערנט ארויס הלכות פון מו"נ[89], און דער רמ"א[90] פאנגט אן שו"ע אורח חיים (דער ערשטער סעיף פון דעם ערשטן סימן פון דעם ערשטן טייל שו"ע) מיט ענינים פון מורה הנבוכים.

ואולי י"ל אז דאס וואס דער רמב"ם שרייבט די אויבנדערמאנטע לשונות וואס ווייזן לכאורה אויף הגבלות — איז דאס ניט לשם הגבלה, נאר פארקערט: דאס איז כדי נאכמער אויפטאן און ווירקן אויף כל אחד ואחד מישראל, כדלקמן.

ט. דער ביאור אין דעם וועט מען פארשטיין לויט א תשובה פון ר"מ חגיז[91]

---

81) כמ"ש במאמר תחיית המתים פ"ב.

82) שלכן מובן שלימוד הל' יסוה"ת צ"ל לפני לימוד שאר ההלכות שברמב"ם, כהסדר שסדרו הרמב"ם עצמו, שהל' יסוה"ת באות בתחלת ספרו. ועפ"ע דברי הרמב"ם עצמו מובן שאין לדלג עליהם. וידוע הכלל בי"ד שהרמב"ם סומך ע"ז שכתב לפניו אבל לא על שלאחריו (יד מלאכי כללי הרמב"ם אות ו'). וראה בארוכה ההדרן שבהערה 33 סעיף א ובהערות שם. לקמן ע' 122 ואילך.

83) מאמר תחיית המתים שם.

84) וכידוע שהמחלוקת וההתנגדות היו נגד ב' הספרים (ספר המדע שביד ומו"נ) בחדא מחתא.

85) וראה פתיחת הרמב"ם למו"נ בצוואת זה המאמר (ט, ב) „כי כל מתחיל מבני אדם שאין לו מאומה מן העיון יקבל תועלת בקצת פרקי זה המאמר". וראה אברבנאל בפתיחה שם (ה, א) במ"ש הרמב"ם שם (ד, ב) דאינו מבאר „זולת ראשי פרקים" — היינו בחלק הענינים שבספר המורה ולא כל הענינים.

86) להעיר שבריבוי מקומות הובאו דבריו באדה"ז, אוה"ת להצ"צ וכו' — ובציון המקור. וראה לקמן הערות 111, 119.

87) ראה גם שו"ת הרמ"א סי' ז' (הובא בלקו"ש חכ"ג ע' 36 הערה 42. וש"נ).

88) ידועים דברי בעהמח"ס עבודת הקודש. וכך היא דרכה של תורה אלה מזכין ואלה כו'. ואלה ואלה דא"ח. וראה שהיחוה"א פ"ז (פג, א) „בפרדס מהרמ"ק ז"ל". וראה סהמ"צ להצ"צ האמנת אלקות פ"ג-ד. עיי"ש בארוכה.

89) וראה צפע"נ להרגצובי (בפרט בליקוט שעל המו"נ) כמה סברות ודיעות שבמו"נ בנוגע להלכה. וראה גם לקו"ש חט"ז ע' 529 בהערה.

90) וכן אדה"ז (במהדו"ק שלו) — ראה לעיל הערה 41.

91) בספרו שתי הלחם סי' לה.



(אויף דעם וואס מ'האט בא אים גע־פרעגט) בנוגע לשבועת הרמב"ם ז"ל בהתחלת ספר המורה[92] „ואני משביע באלקי ישראל[93] כל מי שיקרא מאמרי זה וכו' — איך תחול השבועה כשאין הנשבע עונה אמן".

איז ער מבאר אז די זעלבע שאלה איז ביי אים געווען בדברי הרח"ו ז"ל[94], וואס אויך ער האט באשווארן „כעין שבועה זו ובעו"ה לא ענו אמן וכמה פורצי גדר נמצאו נכשלים ורובצים תחת גדר שבועות אלו". און ער איז מסביר אז די שבועת הרמב"ם איז כשבועות יהושע ושאול וואס ווי דער רא"ש שרייבט[95] (בנוגע השבועה בפלגש בגבעה), איז אזא שבועה ניט קיין שבועה „אלא גזרת חרם ונידוי על דורות הבאים". און ער איז ממשיך „וממנו למד הרח"ו ז"ל", אז דאס איז ניט קיין שבועה נאר א „חרם ונידוי שהי' לאל ידם לגזור על הדורות הבאים למגדר מילתא", און אויף דעם דארף מען ניט קיין הסכמה ועניית אמן.

אבער לכאורה צ"ע וביאור בפירושו:

א) מ'זעט דאך בפועל אז טראץ די דברי זהירות און הגבלות פון רח"ו, לערנט מען יע די ענינים פון חכמת הקבלה; און ניט בלויז לערנט מען דאס, נאר ע"פ דברי האריז"ל אז יעצט איז „מצוה לגלות זאת החכמה"[96] איז מען דאס מגלה ומפרסם. ביז אז ס'איז דא די הוראה פון „יפוצו מעינותיך חוצה" —

אע"פ אז דער „חוצה" האלט נאך ניט בא די אלע גדרים ותנאים וואס דער רח"ו שרייבט.

ועד"ז בנוגע להמורה הנבוכים אז מ'לערנט דאס און מ'איז ניט נזהר אין די אלע הגבלות כו' פון דעם רמב"ם דארטן[97].

ב) פארוואס האבן דער רמב"ם און דער רח"ו געשריבן זייערע אזהרות והגבלות בלשון של „שבועה" און ניט בלשון של נידוי וחרם?

יוד. ויש לומר דעם ביאור בזה בדרך אפשר — אז קושיא אחת מתורצת בחבירתה:

ובהקדים בנוגע ללימוד התורה — בכלל

ווענן לימוד התורה בכלל זאגט מען אז תורה דארף געלערנט ווערן כדבעי, „מה להלן (בשעת מ"ת בהר סיני) באימה וביראה וברתת ובזיע אף כאן כו'"[98]; בלימוד התורה דארף מען געדענקען אז דאס לערנט מען דעם אויבערשטנ'ס תורה, און עס דארף זיין „ברכו בתורה תחלה"[99].

אעפ"כ שטייט אין תורה (מדרש)[100] „הלואי אותי עזבו ותורתי שמרו",

---

92) בצוואת זה המאמר (ט, ריש ע"ב).

93) כ"ה בשו"ת שתי הלחם שם. במו"נ שלפנינו (דפוס הנ"ל הערה 72) „באלקי ית'". ובתרגום אלחריזי: בא־ל יתעלה. ובתרגום קאפח: בה' יתעלה.

94) בהקדמה (הג') להרח"ו שנדפסה בריש ספר עץ חיים (דפוס ווארשא).

95) בשו"ת שלו כלל ה סי"ד.

96) אגה"ק סי' כו (קמב, ב).

97) ראה פי' נרבוני למו"נ בהקדמתו: וצריך לחלוק כבוד לרב ולקיים מצותו ולבלתי עבור על השבעתו. ולהעיר מפי' עמודי כסף למו"נ (לר"י אבן כספי) בתחלתו (ובהנסמן שם ל„מנורת כסף" — הועתק בחלקו ב„תולדות הרב המחבר" שבסוף הספר עמודי כסף ע' 4).

98) ברכות כב, א. וש"נ.

99) ב"מ פה, ריש ע"ב (וראה פרש"י שם). וכ"ה בנדרים פא, א (וראה ר"ן שם בשם ר"י).

100) איכ"ר פתיחתא ב. וראה גם ירושלמי חגיגה פ"א ה"ז ובקרבן העדה שם. — הובא בהל' ת"ת לאדה"ז פ"ד ס"ג.

וואָרום (אויך דעמאָלט איז) „המאור שבה מחזירן למוטב".

ד.ה. דאָס איז טאַקע ניט דער סדר הרצוי פון לימוד התורה, אָבער פונדעסטוועגן דאַרף אויך דאַן זיין לימוד התורה[101], וואָרום סו"ס וועט אויך יענער קומען צום לימוד כדבעי — די תורה גופא איז „מחזירן למוטב".

ועד"ז איז עס בנוגע דעם אופן לימוד התורה, אַז כאָטש מ'דאַרף לערנען תורה לשמה, פונדעסטוועגן זאָגט מען אַז מ'קען ניט וואַרטן ביז מ'וועט האַלטן בּאַ דער מדריגה פון לשמה, נאָר „לעולם[102] יעסוק אדם בתורה ומצות אע"פ שלא לשמה[103] שמתוך שלא לשמה בא לשמה".

עד"ז איז בנוגע ללימוד כל חלק שבתורה לאחרי שנתגלה — אויך חכמת האמת, תורת הקבלה: דער לימוד פון תורה איז מגלה און מחזק אַ אידן אין זיין התקשרות בבורא. ע"י גליא דתורה ווערט נתחבר גליא דנשמתא מיט גליא דקוב"ה און ע"י סתים דאו־רייתא ווערט סתים דנשמתא מתקשר מיט סתים דקוב"ה[104]. און בכדי אַז חכמת הנסתר זאָל דאָס פועל זיין, פאָדערט זיך אַז דער איד וואָס לערנט עס זאָל זיין אַ כלי טהור. און דעריבער איז דער רח"ו מזהיר די אַלע תנאים וגדרים וואָס דאַרפן זיין קודם הלימוד — ווייל דוקא דעמאָלט איז דער לימוד פועל פעולתו כדבעי.

לאידך וויל מען דאָך, תורה וויל, אַז יעדער איינער זאָל לערנען תורת הנס־תר, כאמור מצוה לגלות זאת החכמה, ובלשון פון אַלטן רבי'ן בשו"ע שלו, הל' ת"ת שלו[105]: שכל נפש צריכה לתיקונה לעסוק בפרד"ס כו' צריך לבא בגלגול עד שישיג וידע כל מה שאפשר לנשמתו כו' הן בפשטי ההלכות הן ברמזים ודרשות וסודות. און אין דעם איז תלוי ביאת המשיח[106], און קיינער זאָל זיך ניט אָפּהאַלטן פון לערנען תורה זו ביז ער וועט באַוואָרענען די אַלע הגבלות.

האָט דער רח"ו מטעם זה גופא ניט געשריבן ח"ו בלשון של נידוי וחרם, וואָרום דעמאָלט וואָלט עס ח"ו חל גע־וועזן און מ'וואָלט ניט געטאָרט לערנען ביז מ'האַלט בּאַ דער מדריגה וועלכע דער רח"ו שרייבט דאָרטן.

האָט ער דעריבער געשריבן בלשון שבועה וואָס איז ניט חל (בלי עניית אמן). וואָס די כוונה בזה איז אַז בשעת עס קומט צוק העתים[107] און ניט יעדער קען האַלטן בּאַ די הגבלות זאָל מען סיי ווי לערנען חכמת הנסתר, אָבער —

101) ראה הל' ת"ת לאדה"ז פ"א סוס"ד — הובא לקמן בפנים.

102) פסחים נ, ב (וש"נ). מקומות שבהערה 100. רמב"ם הל' ת"ת פ"ג ה"ה. הל' ת"ת לאדה"ז שם פ"ד (ובקו"א שם).

103) וראה רמב"ם סוף הל' תשובה. ובפיה"מ בהקדמתו לפ' חלק (ד"ה והכת החמישית) — האריך בזה. וראה לקמן הערה 108.

104) ראה זח"ג עג, א. וידועים ב' הפי' אופנים בזה — וראה מכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר (התמים ח"ד ע' מח [378] ואילך. אגרות קודש שלו ח"ג ס"ע תקלג ואילך).

105) פ"א סוס"ד. וראה ג"כ שם פ"ב ס"ב.

106) ראה בארוכה הקדמת הרח"ו לשער ההקדמות (הקדמה הא') — נדפסה בריש ספר עץ חיים (דפוס וואַרשא), ובסוף קונטרס עץ החיים לאדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע.

107) ויש לומר, דלאחרי הגזירות והשמדות ר"ל שעברו על בנ"י בדורות האחרונים — כבר נעשו מזוככים וראויים ללימוד זה. — וראה שערי תשובה לאדהאמ"צ ח"א (ה, ב).



בהקדמת הידיעה[108] אַז דער לימוד הרצוי איז בשעת מ'האָט די אַלע הגבלות לפני הלימוד.

דער תכלית איז דאָך אָבער אַז דער לימוד זאָל פועל זיין פעולתו[109], וואָס דערצו פאָדערט זיך אַז מ'זאָל בפועל ווערן אַ כלי טהור צו דעם לימוד — האָט דערפאַר דער רח"ו געשריבן „אני הכותב משביע", וואָס דערמיט גופא האָט ער אַריינגעגעבן אַ כח (כידוע בענין „משביעין אותו" מלשון שובע[110]) אַז אין יעדן לימוד פון חכמת הקבלה זאָל קענען זיין און זיין בגלוי דער „מאור שבה", וואָס פאַרבינדט סתים דישראל מיט סתים דקוב"ה, אַזוי, אַז סו"ס קומט ער צו אַז אויך בגלוי פירט ער זיך אַזוי, און האַלט דערביי בעת הלימוד, ווי דער רח"ו פאַרלאַנגט.

יא. מעין זה איז אויך בנוגע למו"נ — סיי בשייכות צו דער שבועה „ואני משביע כו' שלא יפרש ממנו אפילו דבר אחד ולא יבאר ממנו לזולתו אלא מה שהוא מבואר מפורש בדברי מי שקדמני כו'" — ווי מ'זעט בכמה מפרשי המורה וואָס זיינען מבאר ומפרש דבריו,

— ועד"ז בשייכות דערצו וואָס ער שרייבט אַז דאָס איז „להעיר איש בעל דת שהורגלה בנפשו ועלתה בהאמנתו אמתת תורתנו והוא שלם בדתו ובמדו־תיו" וכו' — אַז דער לימוד הרצוי פון מו"נ איז בשעת מ'איז שטאַרק באמונה וכו' „שלם בדתו ובמדותיו", אָבער מחמת צוק העתים, בשעת אַז מ'לערנט דעם ספר אפילו איידער מ'איז שלם בדתו ובמדותיו, אָבער בהקדמת הידיעה אַז דער לימוד הרצוי איז נאָך דעם וואָס ער איז שלם בדתו ובמדותיו — העלפט אים דער לימוד המו"נ גופא, אַז ער זאָל צו דעם צוקומען, דאָס ברענגט צו דער השגה אין אלקות און צו תוקף האמונה[111] וכו'.

יב. עד"ז יש לבאר דעם לשון פון אַלטן רבי'ן בהקדמתו לתניא, ובהקדם:

בנוגע דעם ספר תניא קדישא, איז לבד זאת וואָס ס'איז מובן ופשוט, אַז דאָס איז פון די „ספרי היראה אשר יסודותם בהררי קודש"[112] — אַנטהאַלט דאָך דער תניא באופן מיוחד אַזעלכע הוראות וענינים, וועלכע זיינען יסודות הכרחיים אין עבודת ה' פאַר יעדן אידן; ווי דער אַלטער רבי עצמו שרייבט אין שער הספר (וואָס איז מתאר עיקרו ותכליתו): „מיוסד על פסוק כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו לבאר היטב איך הוא קרוב מאד בדרך ארוכה וקצרה בעזה"י" —

דפשוט אַז דער פסוק (און „אליך") רעדט וועגן יעדן אידן ממש — און דאָס איז נוגע ממש יעדן אידן באיזה מצב שהוא נמצא בו. און דערפאַר ווערט דער ספר אַנגערופן דורכן אַלטן רבי'ן עצמו

108) להעיר מהפי' „מתוך שלא לשמה בא לשמה", שהתוך ופנימיות דה„לא לשמה" הוא „לשמה" (ראה לקו"ש ח"כ ע' 50 ואילך).

109) כי אין ענין יוצא מידי פשוטו, דזה שלעולם יעסוק אדם אע"פ שלא לשמה, הוא לפי ש„בא לשמה", היינו שה„תוך" שלו בא לידי גילוי ובמילא בא „לשמה" בפועל. וראה לקו"ש שם ע' 48. וש"נ.

110) ראה ד"ה משביעין אותו בס' קיצורים והערות לתניא. ליקוט פירושים לתניא פ"א. ובכ"מ.

111) ראה ספר השיחות תורת שלום ע' 244, דתלמידי המגיד כשבאו להה"מ „האבן זיי דורכגעטאָן דעם מורה נבוכים". ועיש הטעם כי צ"ל ידיעה באלקות. וראה ספר השיחות תש"ב ע' 4 ואילך. וראה לקמן הערה 119.

112) לשון אדה"ז בהקדמתו לתניא (ג, ב).

„ספר של בינונים", וואס בנוגע דרגת הבינונים איז דער אלטער רבי מדגיש[113], אז „מדת הבינוני היא מדת כל אדם ואחרי' כל אדם ימשוך".

יג. בנוגע א מעלה נוספת אינעם ספר התניא, שרייבט דער אלטער רבי א לשון וואס קען אויסגעטייטשט ווערן כאילו ווי דער יתרון העילוי איז ניט שייך צו אלעמען:

אויף דער טענה פון אנ"ש, אז (מיט אלע מעלות פון „קריאה בספרים", ספרי היראה, איז דאך) „אינו דומה שמיעת דברי מוסר לראי' וקריאה בספרים"[112] און מהאי טעמא האבן אנ"ש געוואלט הערן די ענינים השייכים לו, לכאו"א, פון אלטן רבי'ן אויף יחידות — האט דער אלטער רבי באווארנט בהקדמת הספר, אז דער תניא האט אויך די מעלה מיוחדת פון „שמיעת דברי מוסר" (פון „יחידות"), ווייל „ביודעי ומכירי קאמינא"[114] (וואס „גילו לפני כל תעלומות לבם ומוחם בעבודת ה'"[114] — און וויסנדיק אלע זייערע שאלות האט ער אין ספר אריינגעשטעלט „כל התשובות על כל השאלות" וואס עס פרעגן „כל אנ"ש דמדינתינו תמיד"[114]) — ומזה קען מען האבן א קס"ד לכאו־רה, אז די ניט „יודעי ומכירי" האבן ניט די מעלת השמיעה והיחידות.

וויבאלד אבער דער אלטער רבי האט דאס גופא (אז ספר התניא פארבייט ענין היחידות), אריינגעדרוקט אלס א טייל פון ספר התניא, וכהקדמת הספר — איז דאס געווארן א טייל פון „התורה היא נצחית" וואס איז שייך צו יעדן אידן. ובמילא — נוסף אז דער לימוד און הוראות פון ספר התניא איז שייך (און מוכרח) צו יעדן איינעם, איז אויך מובן אז יעדער איינער קען ארויסנעמען פון ספר התניא „כל התשובות על כל השא־לות" און קען ארויסנעמען „עצה נכונה לכל דבר הקשה עליו בעבודת ה'"[114] (ע"ד ווי „יודעי ומכירי").

נאר איין זאך פאדערט זיך און דארף זיין בא עם — ובחרת בחיים[115],

די זעלבע פאדערונג ווי ביי יעדע זאך פון תורת חיים ומצוות' אויף וועלכע עס שטייט[116] „יעשה אותם האדם וחי בהם".

יד. ולהוסיף ביאור אין דעם — ע"ד הנ"ל:

מיט דעם וואס דער אלטער רבי האט אריינגעשטעלט די הקדמה לספר התניא וואו ער שרייבט „ביודעי ומכירי קאמינא" (אז דער ספר פארבייט יחידות) אין דעם ספר התניא, האט דער אלטער רבי געגעבן דעם כח (ובמילא אויך די אפשריות האבן מעלת[117] קב שלו) און אויך גע'פועל'ט אז יעדערער וואס לערנט דעם ספר התניא ווערט ער פון די „יודעי ומכירי" פון אלטן רבי'ן; וואס דעמאלט איז אפילו ווען מצ"ע איז ער אין א דרגא פון „בחשיכה יתהלכו" (ובמילא קען ער פון אנדערע ספרי היראה ניט ארויסנעמען דעם „אור כי טוב"[112] וואס איז אין זיי גנוז) פועל'ט אויף זיי דער לימוד התניא, און אין אן אופן פון „וארא": דער אלטער רבי בא־ווייזט און באלייכט זיי אז זיי זאלן זען די אמת'ע וועג, און ביחד ע"ז א קלארע ליכטיקע וועג ווי „קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו", און אז עס

113) תניא רפי"ד.

114) ל' אדה"ז בהקדמתו שם (ד, א).

115) נצבים ל, יט.

116) אחרי יח, ה.

117) בבא מציעא לח, רע"א.



זאל זיין „וידעת היום" די ידיעה אין אלקות און פון דעם זאל עס אראפ־קומען[118] עס זאל זיין „והשבות אל לבבך", ביז ער געפינט אין ספר התניא אן „עצה נכונה לכל דבר הקשה עליו בעבודת ה'"[114].

טו. און בשעת מ'האט די הקדמה הדרושה פון לימוד פנימיות התורה ווי ס'איז נתגלה געווארן בתורת חסידות חב"ד דורכן אלטן רבי'ן, דעמאלט קען מען ארויסנעמען אויך פון ספר מו"נ די ענינים אין ידיעת ה' בהתאמה מיט תורת החסידות[119] און ס'ווערט נתגלה ווי „משה ותורתו אמת"[120], הן בנגלה והן בנסתר,

ועי"ז קומט מען צו ימות המשיח בפו־על וועט „כל ישראל נביאיהם וחכמי־הם[121] . . ימצאו להם מרגוע[122] וירבו בחכמה כו' שבאותן הימים תרבה הדעה והחכמה והאמת" — ווי דער רמב"ם זאגט בספר המדע[123] (קרוב לסופו); און איז אויך מסיים וחותם בזה כל ספר היד: „לא יהי' עסק כל העולם אלא לדעת את ה' בלבד ולפיכך יהיו ישראל חכמים גדולים ויודעים דברים הסתומים וישיגו דעת בוראם כפי כח האדם (חב"ד[124]) שנאמר[125] כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים".

(משיחות אור לי"ג ניסן תשל"ח,
כ"ד טבת תשמ"א)

118) כמבואר בתניא ח"ב.

119) ראה ספר השיחות קיץ הש"ת ס"ע 40 ואילך, דאדה"ז למד המו"נ עם הצ"צ על דרך החסידות, ואשר לבד עצם הלימוד „האט דער זיידע — אדמו"ר הזקן — מכוון געווען מיטן לערנען א געוויסן תיקון". ע"ש. וראה ס' החקירה להצ"צ (סה, ב ואילך) ביאורים במו"נ. ולהעיר מאוה"ת חוקת (ע' תשעז. כרך ה ע' א'תרכז). וראה „היום יום" י"ט סיון שהצ"צ למד עם המהר"ש „ספרי מחקר . . מורה נבוכים . . ע"פ תורת החסידות". וראה תורת שלום בתחלתו. חנוך לנער ע' 28. וראה לעיל הערה 111. ואכ"מ.

120) ראה מכתב אדה"ז (הנ"ל הערה 7).

121) ע"ד שנ' (ירמי' לא, לג) כולם ידעו אותי למקטנם ועד גדולם (שגם אז יהיו חילוקי דרגות — קטנים וגדולים).

122) ע"ד לשון אדה"ז בהקדמת התניא (הובא לעיל סעיף ד) „בהן ימצא מרגוע לנפשו". ולהעיר מהידוע (ראה לקו"ש חט"ו ע' 282. וש"נ) דתורת החסידות היא „טעימה" של תורתו של משיח.

123) הל' תשובה פ"ט ה"ב.

124) ראה בארוכה בההדרן שבהערה 33.

125) ישעי' יא, ט.